בס"ד

פרשת כי תצא

# תורת אביגדור

משיעורי הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## ווערן דערהויבן צוריקציוועגס

### די מצוה פון פארגעסן

**אין** פרשת כי תצא לערנען מיר איבער די מצוה פון שכחה, דער אויבערשטער זאגט אונז, אז מיר טארן נישט צוריקגיין און אויפהייבן א בינטל תבואה, וואס מיר האבן פארגעסן אין איבערגעלאזט אינמיטן די ארבעט פון שניידן די פעלד. 'כי תקצור קצירך בשדך, ושכחת עומר בשדה, לא תשוב לקחתו, לגר ליתום ולאלמנה יהיה למען יברכך השם אלקיך בכל מעשה ידך', זאלסט נישט צוריקגיין נעמען די בינטל וואס די האסט פארגעסן, נאר דו זאלסט דאס לאזן פאר די גרים, פאר די יתומים און אלמנות, און דערפאר וועט דיר דער אויבערשטער בענטשן אין אלע ארבעט פון דיינע הענט.

דא האבן מיר א פארמער, וואס שוויצט אדורך א לאנגע טאג פון גאר שווערע ארבעט, עס איז נישט גרינג צו ארבעטן אין פעלדער, און יעצט האט ער בטעות איבערגעלאזט אביסל ווייץ, א בינטל ווייץ איז ווערט אסאך געלט, און ער וואלט געוואלט אויפהייבן די בינטל און פארדינען דאס געלט, ער האט קינדער וועמען ער דארף שפייזן, ער האט חובות וואס ער דארף באצאלן, ער האט ארבעטערס וואסווארטן אויף זייער געהאלט, אבער וואס קען ער טוהן? טעותים געשעהן, ער איז א פרומע איד, און די תורה לאזט נישט צוריקגיין און אויפהייבן די פארגעסענע בינטל, ער מוז דאס לאזן אין זיין פעלד, און די נויטבאדערפנדע מענטשן וועלן דאס טרעפן, און אהיימברענגען צו זייערע הונגעריגע פאמיליעס.

### די מצוה פון פארלירן געלט

**עס** איז וויכטיג צו באמערקן די ווערטער פונעם ספרי, די ספרי איז אויף די ווערטער פונעם פסוק, וואס זאגט אונז די שכר וואס דער אויבערשטער באצאלט פארן פארמער וואס האט פארגעסן א בינטל אין פעלד, און א ארימע מענטש האט דאס געטראפן, 'לגר ליתום ולאלמנה יהיה, למען יברכך השם אלקיך', לאז דאס איבער פאר די גר, יתום און אלמנה, "ווייל דורך דעם וועט דיר דער אויבערשטער בענטשן אין אלע ארבעט פון דיינע הענט". די ספרי לייגט צו די קומענדיגע ווערטער: "מיר זעהן פון דא, אז ווען א מענטש האט א מטבע פון

געלט, און דאס פאלט אראפ פון אים, און א ארימע מענטש טרעפט דאס און נוצט דאס פאר זיינע געברויכן, זאגט אונז דא די תורה, אז דער מענטש וואס האט פארלוירן די געלט וועט זוכה זיין צו ברכות פונעם אויבערשטן". ווען א מענטש פארלירט געלט, און א ארימע מענטש טרעפט דאס, וועט דער מענטש וואס האט דאס פארלוירן, זוכה זיין צו א געוויסע שכר פאר די מצוה פון צדקה, כאטש דאס איז געווען דורך א צופאל און א טעות.

און דא שטעלט זיך א שטארקע קושיא, פארוואס טאקע זאל דער מענטש באקומען עפעס א ברכה, פארוואס קומט זיך אים א שכר פאר א זאך וואס איז געשעהן בטעות?! ער האט נישט איבערגעלאזט די בינטל מיט די געלט, מיט א ספעציעלע מחשבה אז א ארימע מענטש זאל דאס באקומען, און ער וואלט געווען פרייליך צו קענען צוריקגיין און דאס אויפהייבן, און נעמען פאר זיך, ער לאזט דאס דארט בלויז ווייל ער קען נישט צוריקגיין. אויב אזוי, צוליב וואס קומט זיך אים א שכר פאר א זאך וואס האט נישט קיין שום פארבינדונג מיט זיינע מעשים? וויאזוי קען דאס זיין?!

## די גרויסע חידוש

**דער** אויבערשטער לערנט אונז דא גאר א גרויסע און געוואלדיגע חידוש, וואס קען טוישן אונזער לעבן. אין דעם פסוק ווערט באהאלטן א וויכטיגע ידיעה, וואס אויב מען פארשטייט דאס ריכטיג, און מען פירט דאס אויס אינעם טאג טעגליכן לעבן, וועט דאס טוישן די מערסט פשוט'ע און אומווערטפולע מינוטן פונעם לעבן, צו טייערע מאמענטן פון דערהויבנקייט.

דאס איז די וויכטיגע ידיעה וואס עס איז אומבאקאנט פאר אסאך מענטשן, די ידיעה פון 'בחירה למפרע', אויסוועלן די ריכטיגע רעאקציע אויף א פריערדיגע פאקט וואס איז שוין געשעהן. א מענטש קען שטיין נאך א פאקט, לאנג נאכדעם וואס די מעשה איז שוין געשעהן, און נאכאלץ ווערן בעסער, צוליב א גוטע מעשה פון לאנג צוריק.

דער פארמער וואס האט פארגעסן זיינע בינטלעך ווייץ, און דער איד וואס האט פארלוירן זיין געלט, אויב וועלן זיי טראכטן, "אויב א אדם הגון, א ערליכע מענטש, וועט טרעפן מיין ווייץ אדער מיינע צעהן דאללער, און ער דארף דאס האבן פאר זיינע געברויכן, דאן בין איך צופרידן אז ער נוצט דאס", אויב ער טראכט אזוי, דאן באקומט ער שכר אויף די מצוה פון צדקה. פארשטייט זיך, אז דאס וועט נישט זיין די זעלבע שכר, ווי ווען איינער געבט צדקה לכתחילה, עס איז נישט אזוי ווי ווען מען טוט אויסוועלן אים צו געבן די צעהן דאללער מיט די אייגענע האנט, אבער עס איז נאכאלץ א וויכטיגע און גרויסע מעגליכקייט אויסצופירן די מצוה פון צדקה, און צו באקומען שכר פונעם אויבערשטן.

## די לעצטע טאג פון רבינו הקדוש

**דאס** איז א נייע סארט געדאנקענגאנג, אבער דאס ווערט שוין דערמאנט אין די גמרא. יעדער וואס לערנט גמרא ווייסט פון די קורצע מעשה, וואס ווערט דערציילט אין מסכת כתובות (קג, ב). ווען רבינו הקדוש, רבי יהודה הנשיא, איז געליגן קראנק אויף זיין בעט, ער האט געהאלטן פארן שטארבן, דאס איז געווען זייער א טרויעריגע טאג פאר כלל ישראל! רבי האט געהאלטן פארן פארלאזן די וועלט, און יעדער איינער איז

זיך צוזאמענגעקומען אינדרויסן פון זיין הויז, געוויסע מענטשן האבן אויך געהאט די מעגליכקייט זיך ארייגצושטיפן און טרעפן זייער וועג אריין אין די הויז פון רבי, אבער די מערסטע צאל מענטשן זענען געבליבן אינדרויסן, די גאס איז געווען איבערגעפילט מיט מענטשן! פארשטייט זיך, אז די אלע מענטשן זענען געווען זייער פארוייטאגט, יעדער האט געוויינט, זיי האבן אלע געדאווענט און געבעטן דעם אויבערשטן, "לאז רבינו הקדוש מיט אונז, נעם אים נישט אוועק!".

א גאנצן טאג זענען זיי געשטאנען און געוויינט, געקרעכצט און געבעטן דעם אויבערשטן, ביז עס איז אנגעקומען די טרויעריגע מינוט, רבינו הקדוש איז אוועק פון די וועלט. דאס איז געווען גאר א טרויעריגע צייט ווען די מעלדונג איז ארויס צו די פארזאמעלטע מענטשן, עס האט זיך דערהערט א געשריי פון טרויער, יעדער האט אויסגעבראכן אין א געוויין!

## די הימלישע קול

**דערציילט** אונז די גמרא, אז אין יענע מינוטן איז ארויסגעקומען א "בת קול", עפעס איז געשעהן וואס מען קען דאס נישט מסביר זיין פונקטליך, אבער עפעס א הימלישע קול, א קול פון נבואה איז ארויסגעקומען פון הימל, און האט אויסגערופן, "יעדער וואס איז געווען ביי די 'אשכבתא' פון רבי, ער האט מיטגעהאלטן ווען רבינו הקדוש איז אוועק פון די וועלט" - **הרי הם מזומנין לחיי העולם הבא** - "זיי זענען צוגעגרייט צו באקומען עולם הבא", ווען זייער צייט וועט קומען, ווען זיי וועלן פארלאזן די וועלט, זענען זיי אלע פארזיכערט מיט עולם הבא.

א גאראנטי און א פארזיכערונג פאר עולם הבא! די זכות פון וויינען און בעטן אויף רבי'ס לעבן איז אזוי גרויס! רבי איז געווען די גרעסטע תלמיד חכם פון די דור, און אויב ער וואלט געבליבן לעבן אפילו נאר נאך איין טאג, וואלט דאס געווען גאר א גרויסע און ווערטפולע זאך פאר די גאנצע כלל ישראל, און דערפאר, אלע וואס זענען זיך צוזאמענגעקומען און אויסגעשריגן מיט זייער גאנצע הארץ אז זיי קוקן ארויף און שעצן די גרויסקייט אין תורה פון רבינו הקדוש - כאטש זיי האבן למעשה צום סוף גארנישט אויפגעטוהן מיט זייערע תפילות, דער אויבערשטער האט זיי נישט נאכגעגעבן, ווייל עס איז שוין געקומען רבי'ס צייט ארויפצוגיין - אבער בלויז פאר זייער גוטע ווילן זענען זיי אנגעגרייט צו עולם הבא.

## דער וועשער'ס עולם הבא

**דערציילט** אונז די גמרא, אז עס איז געווען דעמאלטס א מענטש, א וועשער, אין יענע צייט איז א וועשער געווען פון די ארימסטע און פשוט'סטע מענטשן. די ארימע וועשער פלעגט יעדן טאג קומען צו די מתיבתא פון רבינו הקדוש, צו הערן די שיעורים פון רבי, מיר קענען נישט גאראנטירן אז ער האט דאס פארשטאנען, אבער ער איז געקומען יעדן טאג. ער האט נישט געקענט קומען און זיך אראפזעצן, ער איז נישט געווען פון די תלמידים, אבער ער איז געשטאנען פון הינטן נעבן די טיר, און צוגעהערט צו די ווערטער פון רבי. יעדן טאג איז ער געקומען! אבער פון די איין טאג, די טאג וואס רבינו הקדוש איז אוועק פון די וועלט, איז ער נישט

געקומען, ער האט נישט געקענט קומען יענע טאג, צוליב סיי וועלכע סיבה.

ווען ער האט געהערט די בת קול וואס האט אויסגערופן, אז ווער עס איז געווען ביי די פטירה פון רבי איז צוגעגרייט צו עולם הבא, איז געווארן אנגעפולט מיט צער, ער איז ממש משוגע געווארן פאר גרויס צער, און ער איז געגאנגען טוהן א ווילדע זאך, צוליב זיין גרויס ווייטאג אויף דעם וואס ער האט פארלוירן, "פארוואס האב איך פארפאסט די גרויסע געלעגנהייט?! הלואי וואלט איך געקענט דארט זיין!" ער איז געווען שרעקליך פארווייטאגט, און ער איז ארויפגעלאפן אויפן דאך, און ער איז אראפגעשפרינגען און געשטארבן! און דאן איז ארויסגעקומען א צווייטע בת קול, וואס האט אויסגערופן: "אף ההוא כובס מזומן הוא לחיי העולם הבא", אויך דער וועשער וועט באקומען זיין צוגעגרייטע עולם הבא.

## די שטארקע כח פון ווילן צוריקציוועגס

**מיר** וואונדערן זיך, פארוואס באקומט ער עולם הבא? ער האט דאך גארנישט געגעבן, ער איז דאך נישט דארטן געווען! אבער די ענטפער איז, אז ער האט יא געגעבן, וואס האט ער געגעבן? בלויז איין זאך, "ער האט אויסגעקליבן דארט צו זיין!" ער האט "געוואלט" זיין דארטן ביי די פטירה פון רבי! צוליב די צער וואס די וועשער האט געהאט, זיין ברענעדיגע רצון צו זיין דארטן, און זיין ווייטאג אז ער איז נישט דארטן געווען, "איז דאס אזויווי ער איז יא דארטן געווען", כאטש ער איז באמת נישט געווען דארטן, "אבער זיין בחירה למפרע מאכט דאס אזויווי ער איז יא געווען דארטן"!

מיר זעהן פון דעם, אז 'בחירה למפרע', אויסוועלן א גוטע אויסוואל אויף א זאך וואס איז שוין געשעהן, איז נישט קיין קליינע זאך, א מענטש האט די מעגליכקייט צו איבערטראכטן זיין פארגאנגענהייט, און דאס ארויפברענגען און דערהייבן. ווען א מענטש מאכט א גוטע אויסוואל ביי זיך אין די מחשבה, אפילו נאכדעם וואס זאכן זענען שוין געשעהן, "פארוואס האב איך נישט געקענט אנטייל נעמען אין אזא גוטע זאך", דאן דינט ער דעם אויבערשטן מיט זיין גוטע אויסוואל. געוויסע מענטשן זאגן, "ריכטיג, איך האב נישט אנטייל גענומען אין די גוטע זאך, אבער איך קען זיך נישט העלפן, אונס רחמנא פטריה, די זאך איז דערנאך", ניין, זאג נישט אזוי, ווייל דו פארליסט מיט דעם די געוואלדיגע געלעגנהייט, דו דארפסט אויסוועלן אין דיין מחשבה, אז דו וואלסט זייער געוואלט זיין א חלק פון די גוטע זאך.

## וויאזוי קען מען פארלירן מצות?

**די** גמרא אין מסכת קידושין (מ:) זאגט אונז אזוי: "רבי שמעון בן יוחאי אומר, אפילו צדיק גמור כל ימיו, ומרד באחרונה, איבד את הראשונות", ווען א מענטש איז געווען א צדיק זיין גאנצע לעבן, ער האט געטוהן אלעס ריכטיג, אבער ער האט ווידערגעשפעניגט אינעם אויבערשטן אין זיינע לעצטע מינוטן, האט ער פארלוירן אלע זיינע גוטע מעשים, און ער ווערט באטראכט אלץ א זינדיגע מענטש. די גמרא פרעגט, קען דאס דען זיין, אז מען פאר'משפט א מענטש בלויז לויט די לעצטע צייט פון זיין לעבן? קענען דען זיינע עבירות אפווישן די גאנצע

הונדערט און צוואנציג יאר פון תורה, מצות און מעשים טובים?! און חז"ל ענטפערן, בתוהא על הראשונות, מען רעדט דא פון אזא מענטש וואס האט חרטה געהאט פון אלע זיינע גוטע מעשים וואס ער האט געטוהן אין זיין לעבן, און אט די חרטה געפילן, אין די לעצטע צייט פון זיין לעבן, "מעקט אויס אלעס וואס ער האט געדינט דעם אויבערשטן זיין גאנצע לעבן", אלעס ווערט פארלוירן, צוליב זיינע לעצטע מחשבות, ער קומט אן אויף יענע וועלט אינגאנצן ליידיג פון מצות.

עס איז זייער שווער דאס צו זאגן, א מענטש איז געווען פארנומען זיין גאנצע לעבן צו דינען דעם אויבערשטן, ער האט געדאווענט, געלערנט, געטוהן מצות, געטוהן חסד, און צוליב די ביסל נארישע מחשבות פון זיינע לעצטע מינוטן, פארלירט ער אלעס, איבד את הראשונות! אלעס וואס ער האט דערגרייכט אין זיין גאנצע לעבן ווערט אוועקגעבלאזן דורך לופט! צוליב וואס?! בתוהא על הראשונות, צוליב אביסל מחשבות און טראכטונגען! אין זיינע מחשבות האט ער חרטה אויף זיינע פריערדיגע גוטע מעשים, און זיי ווערן פלוצלינג פארשוואונדן.

## האב נישט חרטה אויף דיין תורה!

**ווען** א ישיבה מאן גייט ארויס ארבעטן, ער מאכט שיין פרנסה, און יעצט לעבט ער אין די "עכטע וועלט", אזוי טראכט ער, "איך בין געווען אזוי צוריקגעשטאנען, איך בין געווען יונג און אומערפארן, וואס האב איך דען געוואוסט? איך בין געזיצן און געלערנט אין ישיבה, און איך האב געמיינט אז אין די גאנצע וועלט איז גארנישט דא, בלויז תורה". ניין! טראכט נישט אזוי! זאג דאס נישט! דו פארלירסט דיין גאנצע לערנען, מאכסט קאליע דיין הארעוואניע פון יארן מיט די ווערטער, מיט די מחשבות. מען דארף זייער שטארק אנהאלטן די גוטע זאכן וואס מען האט אמאל געטוהן, ווייל א מחשבה פון חרטה קען דאס אוועקבלאזן, עס איז זייער מסוכן צו טראכטן שלעכט, אויף גוטע מעשים וואס מען האט געטוהן.

אבער אין די זעלבע צייט ליגט דערין אויך א גרויסע ישועה, ווייל מיר ווייסן אז 'מדה טובה מרובה ממדת פורעניות', דער אויבערשטער'ס מדה פון גוטסקייט איז אסאך גרעסער און שטערקער ווי די מדה פון באשטראפן, און דערפאר, אזוויו מען קען אויסמעקן אלע גוטע מעשים, דורכדעם וואס מען איז תוהא על הראשונות, און מען האט חרטה אויף די זאכן וואס מען האט געטוהן, פונקט אזוי קען מען אויך חרטה האבן און זיין א 'תוהא על הראשונות' אויף די ליידיגע און ביליגע מעשים פון פריער, און דורכדעם קען מען דאס אנפילן און מאכן אסאך מער ווערד. אויב א מענטש קען אפמעקן זיינע גוטע מעשים דורכן חרטה האבן, קען ער זיכער דערהייבן זיינע נידעריגע מעשים דורך א שטארקע ווילן צו גוטס.

התודה והברכה
להנדיב הנכבד
**הרוצה בעילום שמו**

על שנדב מהדורת

# אחת שאלתי

אשר בזכותו זכינו לתרגם

## תורת אביגדור

באידיש

ישלם ה' פעלו ויהי משכורתו מן השמים
להשפיע עליו ועל ביתו מכל טוב וטוב מרוב
נחת דקדושה עד בלי די

# הדפסה והפצה

**זכות הפצת 1,000 גליונות**
**ר' משה קליין הי"ו**

**זכות הפצת 500 גליונות**
**ר' דוד גפני הי"ו**

**פאר בלויז 100$ קענען מיר דרוקען און מפיץ זיין 1,000 גליונות!**

פארבינדט אייך: 347.755.8860
info@torasavigdor.org

# עקלערונג איבער די סתירה צווישן "ידיעה" און "בחירה"

## שאלה:

## אויב דער אויבערשטער ווייסט אלעס וואס גייט געשעהן, איז דאס נישט א סתירה צו די בחירה פון א מענטש?!

## תשובה:

**די** שאלה איז שוין געפרעגט געווארן טויזענטער מאל, די הייליגער רמב"ם אין הלכות תשובה איז עס מסביר אזוי: **כי לא מחשבותי מחשבותיכם נאום ה'**, "איך ווייס זאכן נישט אויף די זעלבע וועג וויאזוי ענק ווייסן זאכן, נוץ נישט דיין קליינע פארשטאנד איבער וויאזוי די וועלט ווערט געפירט, כדי צו פארשטיין וויאזוי איך קוק אן און איך פארשטיי זאכן", זאגט דער אויבערשטער.

## שאלות און תשובות

מיט

ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**א** מענטש פארשטייט און ווייסט זאכן, דורכדעם וואס ער זעהט זאכן געשעהן און וואס עס קומט ארויס דערפון, דערפאר, אויב א מענטש ווייסט אז עפעס גייט געשעהן, ווייסט ער אז דאס איז צוליב א געוויסע געזעץ פון די נאטור, די טבע און די פירונג פון די נאטור וואס ברענגט די זאך זאל געשעהן, דאס איז די געזעץ וואס באדייט די "סיבה און די תוצאה" פון יעדע זאך.

**אבער** דער אויבערשטער ווייסט זאכן אויף אן אנדערן אופן, דער אויבערשטער'ס וויסנשאפט איז נישט פארבינדן צו די געזעצן פון די נאטור וואס ער האט אליינס באשאפן. דער אויבערשטער קען קוקן אויפן עתיד ווייל ער איז העכער פון די באגריף פון צייט - למעלה מן הזמן. דער אויבערשטער איז העכער אונזערע מחשבות, ער קען זעהן וואס עס וועט זיין שפעטער, נישט ווייל עס מוז אזוי געשעהן, נאר ווייל ער ווייסט אויך זאכן פון שפעטער. די פרייהייט פון די ווילן פון א מענטש איז אינגאנצן נישט קיין סתירה צו די וויסנשאפט פונעם אויבערשטן.

**וויאזוי** ווייסט ער דאס? די ענטפער אויף דעם איז, כי לא מחשבותי מחשבותיכם. דער אויבערשטער ווייסט זאכן אויף אן אנדערע וועג וואס אונז ווייסן זאכן. פראביר נישט צו פארשטיין די וועגן פונעם אויבערשטנ'ס טראכטונג, דורך די וועג וואס מיר טראכטן, ווייל מען קען דאס נישט פארשטיין, און דערפאר זענען די וועגן פונעם אויבערשטנ'ס טראכטונג נישט מעגליך צו מסביר זיין. כי גבהו שמים מארץ כן גבהו דרכי מדרכיכם ומחשבותי ממחשבותיכם.

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי

כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"